ראדאם! קירצליך הויבט־אָן דאָס „ראַדאָמער־קעלצער לעבען" ערשיינען אלס טאג־צייטונג אין גרויסען פאָרמאַט. אויספירליכע פרטים אין די קומענדע מודעות. קעל ץ!


Radomer-Kielcer Leben

43 (233)

Radom ראדאָם פרייטאג

9 listopada 1928. כ"ו חשון תרפ"ט.

פרייז 25 גראָשען.


# ראַדאָמער־קעלצער לעבען

Z intencji zaślubin
p. **Cheli Wajsmanówny**
z p. **W. Bankierem**
harmonji dusz i wiecznego zadowolenia życzą

Ch. Zomer
A. Bongart
A. Rozenkranc.


NAJTRWALSZE-NAJELEGANTSZE
**ŚNIEGOWCE i KALOSZE**

ZNAK 1924 B.I.R.Co. RIGA. QUADRAT FABR.

MARKI „QUADRAT" RYGA.



DO NABYCIA WSZĘDZIE.

Wyroby „QUADRAT" nagrodzone zostały:
MEDALEM ZŁOTYM w Wilnie w roku 1928.
MEDALEM ZŁOTYM w Sofii (Bułgarja) w roku 1928.
NAJWYŻSZEM ODZNACZENIEM „GRAND PRIX" w Rydze w r. 1928.
Przedstawiciel Z. TUWIM, Warszawa, Leszno 12, Tel. 61-04.

## בעקאַנטמאַכונג.

מיר האָבען דעם כבוד בעקאַנט צו מאַכען דאָס דעם 6־טען ד. ח. האָט אנגעהויבען קורסירען
א לוקסוס־אויטאבוס **שוויאַטאָוויד**
— אויף דער ליניע —

**ראדאם—ווארשא**
**ווארשא—ראדאם**

דורך ביאַלאָבזשיג — גריצע

אָפּפאָהר:

| | |
|---|---|
| פון ווארשא 6 אזייגער | פון ראַדאם 9 פריה |
| אויף מאַגיעווסקי גאס 2 | אויף דלוגא 1 |
| ביי מארשאַלקאָווסקאַ | ביים האָטעל פּראַנצויסקי |

דער אָפּפאָהר אין פּינקטליך נישט קוקענדיג אויף דער צאהל פּאַסאַזשירען

**קאָנקורענץ־פּרייזען 7 זל.**

דער אויטא איז איינגעאָרדנט בעקוועם און מיט קאָמפאָרט
פערקויף פון בילעטען „האָטעל פראַנצויסקי" דלוגא 1

מיט אכטונג

אויטאָ־געזעלשאַפט „שוויאַטאָוויד"

# Lek.-Dent. S. GRAJEWSKA

Leczenie i usuwanie zębów bez bólu.
**ZĘBY sztuczne** wszelkich systemów w złocie, platynie i kauczuku wykonane przez technika dentystycznego **E. WAKSZLAKA**
RADOM, Rwańska 23.

*Gabinet Lekarsko-Dentystyczny przy ul. Skaryszewskiej 15 przeprowadził się na ul. Warszawską 9/11.*

**LEKARZ DENTYSTA**
**R. BANKIERÓWNA**

## בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאַנט דאָס ג. פובליקום אין ראדאָם, דאָס מיר האָבען איבערגעגעבען די גענעראַל־פערטרעטונג אויף דער קעלצער וואָיעוואודזשטווע מיט א פאַבריקס־סקלאַד אין ראדאָם
דעם ה' **י. זילבער** ראדאָם, דלוגא 5.
נאָך בעשטעלונגען ביטע זיך צו ווענדען לויט דעם אויבענדערמאָנטען אדרעס.
פּינקטליכע ערלעדיגונג. — גוטע בעהאנדלונג, ווי אויך שטענדיג פרישע וואארע אייפ'ן לאגער.

מיט אכטונג

אקציאָן געזעלשאַפט פאר מארגארין־פאַבריקאַציאָן, דאנציג
**„AMADA"**




Z intencji zaręczyn siostry
Poli Zeligierówny Radom
z p. Maurycym Zylberbergiem Warszawa
życzą wiele szczęścia i harmonji dusz.
*Marek z żoną*
Lublin.

---

אונזערע בעסטע פריינד ה׳ קאפל זעליגער עט פרוי
צו די פארלאבונג פון זייער ליבע טאכטער
פאלא מיט ה׳ אברהם זילבערבערג פון וואַרשע
ווינשען מיר די עלטערן פיל נחת און דעם פארלאבטען פאָרל
פיעל גליק און זייער גאנצן לעבענס-וועג.
גיטמאן קאַבעראָוואס עט פרוי.

---

Z intencji zaślubin
panny *H. Wajsmanówny*
z panem *W. Bankierem*
Serdeczne życzenia zasyłają
Samuelostwo
SILBERSTEIN

---

## א געזיכערט לעבען
Kursy samochodowe
## H. PRYLIŃSKIEGO
Warszawa, Aleje Jerozolimskie 27
לערן אויטאָס מיט דאָפּלטער פירונג
וועלט-פאַטענט.
פערלייכטערט און איילט צו די לערע.
גיכער און גרונטיגער אויסלערנען.
אפּיסקע און דירה פאר פרעמדע
פראָפעסיאָנעלע און דזשענטעלמען פאר-רעכס.
א פאַסטען ווערט גאַזיכערט.

---

הננו מביאים בזה את ברכתנו החמה ברכת מז״ט
לבננו ואחינו היקר
**יהודא צוקר** לארושיו עם בחירת לבו
העלמה **חוה שמדרה**
יהי עתידם מאושר ודרכם סוגה בשושנים
הוריו, אחיו ואחותו

---

יהודה צוקר חיה שמדרה
## מאורשים
רדום, מרחשון תרפ״ט

---

צו דער פארלאבונג
פון פרל. **הוה שמעדרא**
מיט ה׳ **לייביל צוקער**
ווינשט א גליקליכע צוקונפט
ברכה און וואלף מאיר נייפעלד

---

## עפנטליכע ערקלערונג.

אין שייכות מיט׳ן ערשינענעם אין ויינער צייט — פראָטעסט אין „ראַדאמער-קעלצער לעבען" נומ. 38/228 געגען ה׳ יחיאל פרענקעל, אין וועלכען עס געפינען זיך אונזערע אונטערשריפטען, ערקלערען מיר, אז דער אויסדריק מסירה א. ד. ג. זענען דורך פערזענליכע דורכנעלאָזט געוואָרען, וואָס מיר פעדויערן און מיר בעסערן אויס פאָלגענדעס: ביים אונטערשרייבען דעם פראָטעסט דעם ה׳ מילמאַן, איז אונזער אויסדריקליכער כונה געווען צו פראָטעסטירען געגען דער דערהייטערונג פון זיין פאָסטען אונזער געוועזענעם העברעאישען לעהרער, ה׳ מילמאַן, (פון דער גימ. „פשיאטשול וויעדזי") — אבער קיינמאָהל ניט וואָלטען מיר מכבים געווען אויף אזא אונטאלערירבארען אויסדריק ווי מסירה. און וואָס מיר האבען לחלוטין קיין שום אהנונג ניט און איז נאָר ענטשטאנען צוליעב דער סבה פון א טעות.

**חיים פרידמאַן, יחיאל דב גאַרפינקעל,**
**דוב שטיינבאַך, רעגינאַ קארמאַן, פנחס קארמן.**

---

## ערקלערונג.

צוליב דעם עפענטליכען „פראָטעסט", וואס איז געווען אָבגעדרוקט אין „ראדאמער-קעלצער לעבען" נומ. 38/228 געגען ה׳ יחיאל פרענקעל אין ענין פון לעהרער ה׳ מילמאן, ערקלער איך, אז מיין אונטערשריפט אויף דעם פראָטעסט האָב איך געגעבען אויסצודרוקען סימפּאַטיע און זיין יעצטיגען לאגע, ה׳ מילמאן׳ען. (איך בעמערק דאס איך האָב נאר אונטערגעשריבען קאנדידאט-מעדיצין נישט ווי ס׳איז געווען אונטערגעשריבען — דאקטאר). איך בעדויער וואס דער פראָטעסט איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרען אין אַשטארק בעליידיגענדען פאָרם לגבי דעם פערזאָהן פון ה׳ פרענקעל, וועלכען איך שעץ אלס פרעזעס פון גימנאזיע און פון קהל-ראַט. איך בעט ענטשולדיגונג ביים ה׳ יחיאל פרענקעל פאר דעם בעליידיגונג, אונטער וועלכער עס פיגורירט מיין אונטערשריפט צוליב אַמיספערשטענדניש.

**קאנדידאט-מעדיצין משה ווערטהיים**

# קעלצער אבטיילונג.

## פון שטאדט-ראט.

צוליעב דעם בעשלוס פון שטאדט-ראט, אז יעדער ראטמאן, וואס פערלאזט 3 זיצונגען מוז בעצאהלען 25 זל. חי אויך צוליב דעם, וואס אויפ'ן טאגעס-ארדנונג האט זיך געפונען דער פונקט וועגען פייערען דעם 10-טען יאהר-טאג פון פוילענס זעלבסטשטענדיגקייט — האבען זיך אויף דער זיצונג געפונען אלע ראטמענער.

נאכ'ן אדורכלעזען דעם פראטאקאל פון דער פאריגע זיצונג, איז אויפ'ן פארשלאג פון א ראטמאן געמאכט געווארען א הפסקה אויף 15 מינוט, כדי זיך צו בעראטען איבער דעם פלאן פון די פייערונגען.

אין דער דיסקוסיע, וואס האט זיך ענטוויקעלט איבער די אריינגעטראגענע פארשלאגען האט אויך גענומען אווארט ה' לעווי, וועלכער בעגרינדעט, אז דער טאג פון 11-טען נאוועמבער, וועלכער דערמאנט דאס קעלצער יודענטום אויך אין טרויעריגע געשעהענישען, וועלכע זענען מיט 10 יאהר צוריק פארגעקומען אין קעלץ — דעם 11|11. דארף געפייערט ווערען דורך אלע בירגער פון לאנד אהן אונטערשייד פון נאציאנאליטעט און דעריבער שטיצט דאס יודישע „קאלא” דעם פארשלאג, אז דער שטאדט-ראט שליסט זיך אויך אן אין פלאן, וואס איז אנגענומען געווארן דורך דעם זעלבען קאמיטעט, וואס איז געשאפען געווארען צו דעם צוועק ביי דער וואיעוואודזטווא אונטער'ן פארזיץ פון ה' וואיעוואדא.

נאך א לענגערע דיסקוסיע איז אנגענומען געווארען א גאנצע רייהע בעשלוסען ווי אזוי צו פייערען דעם 10-טען יאהר-טאג פון דער פוילישער זעלבסטשטענדיגקייט.

### א ניי שכט-הויז.

די יודישע גמינע טרעט צו דאנערשטאג, דעם 8 ה. ח. צו בויען א ניי שחט-הויז פאר עופות אויף די טשיכא גאס.

### די פייערונג פון פוילענס צעהן יעהריגער אונאבהענגיקייט.

צו די פייערונגען פון פוילענס אונאבהענגיגקייט ווערט אין שטאדט געמאכט גרויסע הכנות. דער מאגיסטראט צוזאמען מיט די יודישע און קריסטליכע פעראיינען פון הויז-בעזיצער און סוחרים האבען ארויסגעלאזט א בשותפות'דיגען אויפרוף צו דעקארירען די הייזער.

דער קעלצער רב האט ארויסגעלאזט א אויפרוף אנטייל צונעהמען אין דער פייערונג און תפילה צו זיין בשלומה של מלכות. אויך די גמינע פון איהר זייט פאדערט אויף די יודישע בעפעלקערונג אנטייל צו נעהמען אין דער פייערונג.

עס ווערט פארגעזעהען פיעל פערהיילונגען אויפ'ן 11-טען ה. ח.

### פון סוחרים - פעראיין.

נאך דער רעארגאניזאציע וואס איז לעצטענס אדורכגעפיהרט געווארען אין היגען סוחרים-פעראיין האט ער אנגעהויבען א נארמאלע טעטיגקייט וואס דריקט זיך אויס אין ערלעדיגען אלע סוחרישע אינטערעסען. אויסער דעם האט דער פעראיין אויך אנגאזשירט דעם אפליקאנט פון היגען קרייז-געריכט ה' גאלדבערגער, וועלכער נעמט אן יערען טאג אין לאקאל פון פעראיין אינטערעסאנטען און ערטיילט יודידישע עצות, וואו אויך אנווייזונגען אין פערשידענע שטייער-פראגען.

#### פערלענגערט דעם טערמין פון רעיעסטרירען די האנדעלס-אונטערנעהמונגען.

אויף דער אינטערווענץ פון היגען סוחרים-פעראיין איז דער טערמין פון רעיעסטרירען די האנדעלס-אונטערנעהמונגען פערלענגערט געווארען ביז'ן 15 ד. מ.

די רעיעסטראציע ווערט אנגענומען יעדען טאג אין סוחרים-פעראיין.

### פון ספארט.

שבת דעם 3 איז פארגעקומען א מעטש צווישען נייעם געגרינדעטען יודישען ארבייטער ספארט-קלוב „גוויאזדא” און „מכבי”. דער מעטש איז פערוואנדעלט געווארען אין א נעשלעג און דער שיעדס-ריכטער איז געוועזען געצווינגען צו איבערייסען דעם מעטש 20 מינוט פאר דער צייט מיט א רעזולטאט פון 1:0 לטובת „מכבי”.

## די גמינע איבערגענומען די מתנה פון די ה'ה זאגייצקי'ס.

דינסטאג דעם 6 ה. ח. איז אין קאנצעלאריע פונ'ם רעיענט יאן שאמסקי פארגעקומען דער אקט פונ'ם איבערשרייבען דאס הויז פון די ברידער ה"ה יעקב און הירשל זאגייצקי אויף סעמינאריסקי פאר די יודישע גמינע.

דאס הויז האבען די מנדבים בעשטימט פאר א יתומים-היים (די גרעסערע טייל) און א מושב זקנים.

חוץ מזה האבען די ה ה זאגייצקי'ס געשענקט 3000 זל. אויף פערשאפען וואהנונגען פאר די לאקאטארען, וואס פערנעמען דירות אין דעם דאזיגען הויז כדי צו קענען איינארדנען דעם מושב זקנים.

די טייל וואס איז בעשטימט פאר'ן יתומים הויז איז ניט אינטערליגט נישט דעם דירות-דעקרעט און דעריבער פון ליפען דאס יאהר שוין פריי זיין.

דאביי האבען די ה"ה ז. פערפליכטעט די יודישע גמינע צו צאהלען יעהרליך דער תלמוד תורה צו 1000 זלאטעס.

### א בעריכטס-פערזאמלונג פון ק.ק.ל. קאמיטעט.

מוש"ק דעם 3-טען ה. ח. איז אין לאקאל פון דער יודישער קהלה פארגעקומען א בעריכטס-פערזאמלונג פון ארטיגען ק. ק. ל. קאמיטעט וועגען דער טעטיגקייט במשך דעם פערגאנגענעם יאהר.

די פערזאמלונג עפענט דער מורשה ה' פערל און לאדענט איין אין פרעזידיום די ה"ה חיינריב און זיעלאני און אלס סעקרעטאר ה' ל. ראדאל.

עס גיעט דאן אן דעם בעריכט פרל' ח. ראזענבערג, וועלכע וויזט אן די שוואכע פעראינטערעסירונג פון דער נאצ. אנאלער יוגענד צו דעם ק. ק. ל. וואס עס האט פעראורזאכט, אז במשך דעם פערגאנגענעם יאהר איז אין קעלץ די זאמלונג בעדייטענד פערקלענערט געווארען, פראפארציאנעל צו די פערגאנגענע יאהרען. זי קריטיקירט אויך די אנגעשלאסענע ארגאניזאציעס ביים קאמיטעט, וועלכע ערפילען נישט זייערע אויפגאבען.

נאך דעם רעפעראט פון ה' זיעלאני ווענדעט דער בעדייטונג פון קרן-קימת פאר דעם יודישען פאלק, גיעט אן א קאסע-בעריכט ה' פערלאח.

דאן הויבען זיך אן די דיסקוסיעס איבער'ן בעריכט, אין וועלכע ס'נעמען אנטייל די ה"ה: בערלינסקי, טענענבוים, הארצעל, זיעלאני, וולאדאהער, באדאנק-עוויטש א. א.

נאכ'ן ערלעדיגען נאך איניגע פונקטען שליסט ה' פערל די פערזאמלונג.

ביים שליסען די פערזאמלונג איז פארגעקומען א אינצידענט צוליב א מיטגלידערין פון „פועלי ציון”, וועלכע האט נאכ'ן שליסען די רעדנער ליסטע געפאדערט דאס ווארט, וואס דער פארזיצענדער האט עס נישט געוואלט ערפילען.

(דעם קאסע-בעריכט וועלען מיר געבען אין נעכסטען נומער.)

### ד"ר לעידא בעערדיגט פון זיין אמט אלס שפיטאל-דאקטאר.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אקציע געגען ד"ר לעידא, וועגען טראניש-אומגעקומענעם יונגעל, בעת די געשעהענישען ביי ה' סטראזשינסקי, וועלכען דער איבערגעפרמאנטער דאקטאר האט נישט געוואלט אריינלאזען אין פוילישען שפיטאל, איז, ווי מען אינפארמירט אונז פון זיכערע קוועלען — בעפרייט געווארען פון זיין אמט. אויף זיין ארט איז בעשטימט געווארע ד"ר גטנערזאוויטש.

### אכטונג צעירי-מזרחים.

מוצש"ק פ' חיי שרה קומט פאר אין לאקאל פון מזרחי א שמחת-חברים א. ד. ט. „צעירי-מזרחי און פועלי אגודת-ישראל”.



